אין די הויפט-ראָלן ס.׳ס אָפּערעטע „ווען ליבע רופט“ (מוזיק – שלום סעקונדא), דעם 20 יאַנואַר 1928, אין פּאָבליק-טעאַטער – „דעם רבינס זונדעלע, הסידיש ליבעס-שפּיל, ליברעטאָ – וויליאַם סיגעל, ליריקס – נ. סטוטשקאָוו, מוזיק – הערמאַן וואָהל, רעזשי – לודוויק זאַץ און סעמיועל ראָזענשטיין“, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אַ לענגערע צייט, דעם 10 פעברואַר 1928, אין פּראָספּעקט-טעאַטער – „נאָך האַלבע נאַכט“ (מוזיק – אַרנאָלד פּערלמוטער), וואָס איז דעם 9 מערץ 1928 געשפּילט געוואָרן אין ליבערטי-טעאַטער (מיט דאָראַ ווייסמאַן און וויליאַם שוואַרץ) א׳נ „נאַכט-פייגעלען“ (מוזיק – שלום סעקונדא). איז דעם 28 נאָוועמבער 1928 אויפגעפירט געוואָרן אין געבילס פּיפּלס-טעאַטער דורך מאַקס געביל א׳נ „פּרויען פון דער נאַכט“ (מיט דזשעני גאָלדשטיין אין דער הויפט-ראָל) און איז אונטערן זעלבן נאָמען געשפּילט געוואָרן אין 1929 דורך בערטאַ גוטענטאַג אין אַרגענטינע, און דעם 2 מערץ 1928, אין נעשאָנאַל-טעאַטער (מיט ס. גאָלדענבורג און סטעלאַ אַדלער) – „זינדיקע ליבע“ [באַאַרבעטונג פון ס.׳ס פּיעסע „דער מאַס-קירטער“].

אין מערץ 1928 איז אין פילאַדעלפיע געשפּילט געוואָרן אין ס.׳ס באַאַרבעטונג „דער פּרינץ פון סטראָבערי מענשאָן“ פון ריווקין.

אין 1928 איז אין פילאַדעלפיע אויך אויפגעפירט געוואָרן ס.׳ס פּיעסע „יעדן מיידלס חלום“, וואָס איז דעם 15 סעפּטעמבער 1923 אויפגעפירט געוואָרן אין געבילס פּיפּלס-טעאַטער א׳נ „דעם חזנס טאָכטער. פון וו. סיגעל, סצענע געזעצט פון מאַקס געביל“ (מיט דזשעני גאָלדשטיין אין דער טיטל-ראָל). די זעלבע פּיעסע איז א׳ר פון ס. אויערבאַך אויפגעפירט געוואָרן דעם 18 אַפּריל 1930 אין ליריק-טעאַטער א׳נ „אירע גאָלדענע טעג“.

דעם 15 סעפּטעמבער 1923 איז אין נעשאָנאַל-טעאַטער א׳ר פון אהרן לעבעדיעוו אויפגעפירט געוואָרן „גאָלדענע טעג, אָפּערעטע פון וויליאַם סיגעל, ליריקס – דזשייקאָב דזשייקאָבס, מוזיק – א. אָלשאַנעצקי“.

אין 1928 איז נאָך אויפגעפירט געוואָרן ס.׳ס פּיעסע „ווען אַ טאַטע ליבט“, וואָס איז אין אָקטאָבער 1928 אויפגעפירט געוואָרן אין פּאָבליק-טעאַטער דורך לעאָן בלאַנק א׳נ „די קראַפט פון יוגנט, לעבנסבילד פון וויליאַם סיגעל, מוזיק – הערמאַן וואָהל“, און דעם 29 נאָוועמבער 1928, אין פּאָבליק-טעאַטער א׳ר פון לודוויק זאַץ – „אַ גאַליציאַנער חתונה, ליברעטאָ פון וויליאַם סיגעל, לי-ריקס – באָריס ראָזענטאַל, מוזיק – הערמאַן וואָהל“, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אַ לענגערע צייט.

סעזאָן 1928-29 איז אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער (מיט בערטאַ גערסטין) געשפּילט געוואָרן ס.׳ס פּיעסע „נשמות צו פאַרקויפן“, וואָס איז דעם 21 פעברואַר 1929 אויפגעפירט געוואָרן אין ראָלאַנד-טעאַטער דורך מ. מיכאַלעסקאָ א׳נ „הערצער פאַרגעסן ניט“ (מוזיק – שלום סעקונדא).

דעם 5 אַפּריל 1929 איז אין פּאָבליק-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „די סדר-נאַכט, ליברעטאָ פון וויליאַם סיגעל, ליריקס – באָריס ראָזענטאַל, מוזיק – הערמאַן וואָהל, רעזשי – לודוויק זאַץ“, וואָס איז אין סעזאָן 1931-32 אויפגעפירט געוואָרן (מיט סעם קעסטין אין דער טיטל-ראָל) אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער א׳נ „דער פריילעכער זיידע“ און איז אין סעזאָן 1932-33 געשפּילט געוואָרן דורך מנשה סקולניק אין האָפּקינסאָן-טעאַטער א׳נ „דער גאַליציאַנער זיידע“.



דעם 30 אויגוסט 1929 איז אין פּראָספּעקט-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „פאַר 1 מינוט גליק, מעלאָדראַמע פון וויליאַם סיגעל, ליריקס – דזשייקאָב דזשייקאָבס, מוזיק – פיליפּ לאַסקאָווסקי, רעזשי – נייטאַן גאָלדבערג“, דעם 27 נאָוועמבער 1929, אין ראָ-לאַנד-טעאַטער (מיט לוסי גערמאַן אין דער טיטל-ראָל) – „קאַטיאַס חתונה, ליברעטאָ פון וויליאַם סיגעל, ליריקס – ישראל ראָזענ-בערג, מוזיק – שלום סעקונדא, רעזשי – מישע גערמאַן“, וואָס איז געשפּילט געוואָרן אַ לענגערע צייט, און דעם 24 דעצעמבער 1929, אין פּראָספּעקט-טעאַטער (מיט וויליאַם שוואַרץ אין דער הויפּט-ראָל) – „קעניגין פון מיין האַרץ, ליברעטאָ פון וויליאַם סיגעל, ליריקס – לואיס גילראָד, מוזיק – פיליפּ לאַסקאָווסקי, טענץ – וולאַדימיר קראַסנאָוו, רעזשי – נייטאַן גאָלדבערג“.

דעם 7 מערץ 1930, אין סעקאָנד-עוועניו-טעאַטער – „די קאָ-מעדיאַנטקע, אַ שטיק ביאָגראַפיע פון מאַלי פּיקאָנס לעבן, ליברעטאָ פון יאָזעף לאַטיינער. באַאַרבעט פון וויליאַם סיגעל, ליריקס פון מאַלי פּיקאָן און הערי לעווין, מוזיק – יאָזעף רומשינסקי, רעזשי – יעקב קאַליך“, דעם 18 אַפּריל 1930, אין ראָלאַנד-טעאַטער (מיט יוליוס און אַננאַ נאַטאַנסאָן אין די הויפּט-ראָלן) – די אָפּע-רעטע „גראַף יאָסל“ (מוזיק אַראַנזשירט פון טאַנצמאַן און אָסאָווסקי).

דעם 23 סעפּטעמבער 1930 איז אין ראָלאַנד-טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן „זיס׳ע מאָמענטן, אָפּערעטע אין 3 אַקטן פון וויליאַם סי-געל און לואיס פריימאַן, מוזיק – ש. סעקונדא“.

דעם 23 סעפּטעמבער 1930, אין נעשאָנאַל-טעאַטער, דורך אהרן לעבעדיעוו (מיט לעבעדיעוו און בלאַנק אין די הויפּט-ראָלן) – די אָפּערעטע „אַ חתונה אין שטעטל“ (מוזיק – הערמאַן וואָהל), וועלכע איז אין 1931 געבראַכט געוואָרן קיין אייראָפּע דורך יצחק פעלד.

דעם 27 פעברואַר 1931, אין נעשאָנאַל-טעאַטער, אויפגעפירט דורך אהרן לעבעדיעוו (מיט לעבעדיעוו און בלאַנק אין די הויפּט-ראָלן) – די אָפּערעטע „אַ נאַכט אין וואַלד“ (מוזיק – הערמאַן וואָהל), דעם 7 סעפּטעמבער 1931, אין פּראָספּעקט-טעאַטער, דורך נייטאַן גאָלדבערג – „היינטיקע יוגנט“, וואָס ווערט אויך געשפּילט א׳נ „מאָדערנע יוגנט“, איז גלייכצייטיק אין פילאַדעלפיער אַרטש-סטריט-טעאַטער געשפּילט געוואָרן א׳נ „דאַרף מען האָבן קינדער?“ און איז דעם 18 נאָוועמבער 1932 אויפגעפירט געוואָרן דורך מיכאַל מיכאַלעסקאָ אין ראָלאַנד-טעאַטער א׳נ „דער דאַנק פון קינדער“, דעם 12 סעפּטעמבער 1931, אין נעשאָנאַל-טעאַטער, דורך אהרן לעבעדיעוו (מיט לעבעדיעוו און בלאַנק אין די הויפּט-ראָלן) – די אָפּערעטע „די גליקלעכע נאַכט“ (מוזיק – הערמאַן וואָהל) און דעם 17 דעצעמבער 1931, אין פּראָספּעקט-טעאַטער, דורך דזשייקאָב דזשייקאָבס – „דער גאַליציאַנער שלומיאל, מוזיקאַלישע קאָמעדיע אין 2 אַקטן און 4 בילדער פון וויליאַם סיגעל, ליריקס – דזשיי-קאָב דזשייקאָבס, מוזיק – יאשאַ קרייצבערג“.

דעם 4 מערץ 1932, אין נעשאָנאַל-טעאַטער, אויפגעפירט דורך אהרן לעבעדיעוו (מיט לעבעדיעוו און בלאַנק אין די הויפּט-ראָלן) – די אָפּערעטע „רייכע קבצנים“ (מוזיק – הערמאַן וואָהל), דעם 1 אָקטאָבער 1932, אין נעשאָנאַל-טעאַטער (מיט איזאַ קרעמער אין דער הויפּטראָל) – „דאָס ליד פון דער געטאָ, אָפּערעטע אין 2 אַקטן פון וויליאַם סיגעל, מוזיק – א. אָלשאַנעצקי“. און דעם